בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת קרח תשפ"ו גליון 845 [שנה י"ח]

**די מחלוקת איז נאר געווען צווישן קרח און עדתו**

וַיִּקַּח קֹרַח: (טז א) שטייט אין מדרש: "וַיִּקַּח קֹרַח" מה לקח אמת לקח, וואס האט ער גענומען? ער האט גענומען אמת, און דאס איז א פליאה! דאס צו פארשטיין קען מען זאגן לויט וואס מען איז מפרש די משנה (אבות פ"ה י"ז) כָּל מַחֲלֹקֶת שֶׁהִיא לְשֵׁם שָׁמַיִם, סוֹפָהּ לְהִתְקַיֵּם; וְשֶׁאֵינָהּ לְשֵׁם שָׁמַיִם, אֵין סוֹפָהּ לְהִתְקַיֵּם. אֵיזוֹ הִיא מַחֲלֹקֶת שֶׁהִיא לְשֵׁם שָׁמַיִם? זוֹ מַחֲלֹקֶת הִלֵּל וְשַׁמַּאי; וְשֶׁאֵינָהּ לְשֵׁם שָׁמַיִם, זוֹ מַחֲלֹקֶת קֹרַח וְכָל עֲדָתוֹ: וואס לכאורה וואלט געדארפט שטייט מַחֲלֹקֶת קֹרַח מיט משה, אזוי ווי מַחֲלֹקֶת הִלֵּל וְשַׁמַּאי? נאר הלל ושמאי איז געווען זייער מחלוקת לויט וועמען איז די הלכה על פי אמת, איז דאס לשם שמים, אבער קרח מיט עדתו איז געווען א מחלוקת צווישן זיך, ווייל יעדע איינער האט געוואלט זיין כהן גדול, און דאס קען דאך נישט זיין, מוז מען זאגן אז זייער מחלוקת איז נישט געווען לשם שמים נאר געווען פול מיט שקר, אבער זיי האבן נישט געהאט א מחלוקת אויף משה נאר צווישן זיך, דעריבער איז פאסיג זוֹ מַחֲלֹקֶת קֹרַח וְכָל עֲדָתוֹ, ממילא ווייל זיי זענען נישט געגאנגען מיטן אמת, דאס מיינט אמת לקח זיי האבן אוועק געווארפן די אמת פון זיך. (הרי בשמים ר' יעקב יוסף גינז)

**קרח האט געהאלטן אז עס קומט אים די כהונה**

וַיִּקַּח קֹרַח בֶּן יִצְהָר בֶּן קְהָת בֶּן לֵוִי וְדָתָן וַאֲבִירָם בְּנֵי אֱלִיאָב וְאוֹן בֶּן פֶּלֶת בְּנֵי רְאוּבֵן: (טז א) שטייט אין מדרש: "וַיִּקַּח קֹרַח" מה לקח אמת לקח, מען קען דאס מסביר זיין לויט וואס דער אוה"ח הק' איז מסביר וואס איז געווען זייער טענה אויף די כהונה, איינס בֶּן יִצְהָר: וואס שטייט (שמות ו כא) וּבְנֵי יִצְהָר קֹרַח וָנֶפֶג וְזִכְרִי. אז ער איז חשוב ווייל ער איז די עלצטע פון יצהר, צווייטנס בֶּן קְהָת: ער איז דער מובחר ווייל בני קהת האבן געטראגן די קודש הקדשים, דריטנס בֶּן לֵוִי וואס איז די מובחר פון אלע שבטים, ממילא האט קרח א טענה צו די כהונה, און ער האט גענומען מיט זיך דָתָן וַאֲבִירָם וואס זיי שטאמען פון רְאוּבֵן די ערשטע שבט, און צוזאמען האבן זיך געשלאגן מיט משה, עכ"ד אוה"ח, ממילא האט קרח געהאלטן אז עס קומט אים אמתדיג די כהונה, דאס מיינט אמת לקח. (שארית אהרן הר' אהרן פעלבערמאן אב"ד גערוויץ)

**דרוש ופלפול בענין טלית שכולה תכלת חייב בציצית**

וַיְדַבֵּר אֶל קֹרַח וְאֶל כָּל עֲדָתוֹ לֵאמֹר בֹּקֶר וְיֹדַע ה' אֶת אֲשֶׁר לוֹ וְאֶת הַקָּדוֹשׁ וְהִקְרִיב אֵלָיו וְאֵת אֲשֶׁר יִבְחַר בּוֹ יַקְרִיב אֵלָיו: (ט"ז ה') צו פארשטיין פארוואס משה האט געבעטן צו ווארטן אויף אינדערפרי, נאר רש"י ברענגט פון מדרש (תנחומא ב) וז"ל הִלְבִּישָׁן טַלִּיתוֹת שֶׁכֻּלָּן תְּכֵלֶת. בָּאוּ וְעָמְדוּ לִפְנֵי מֹשֶׁה; אָמְרוּ לוֹ: טַלִּית שֶׁכֻּלָּהּ שֶׁל תְּכֵלֶת, חַיֶּבֶת בְּצִיצִית אוֹ פְטוּרָה? אָמַר לָהֶם: חַיֶּבֶת. הִתְחִילוּ לִשְׂחֹק עָלָיו: אֶפְשָׁר טַלִּית שֶׁל מִין אַחֵר חוּט אֶחָד שֶׁל תְּכֵלֶת פּוֹטְרָהּ, זוֹ שֶׁכֻּלָּהּ תְּכֵלֶת לֹא תִּפְטֹר אֶת עַצְמָהּ? דאס מיינט: קרח האט געזאגט אז א טלית וואס איז געמאכט אינגאנצן פון תכלת איז פטור פון ציצית פון א ק"ו, און משה האט געזאגט אז עס איז חייב בציצית, קומט אויס לויט משה, אויב איינער טראגט א בגד פון תכלת און ער לייגט נישט ארויף קיין ציצית איז ער עובר אויף א עשה פון ועשו להם ציצית, און אז קרח לייגט נישט קיין ציצית אויף אזא בגד האט ער מבטל געווען א מצות עשה, אבער מיר ווייסן אז עס איז נישטא א עונש אויף מבטל זיין א עשה, ממילא האט משה פארשטאנען אז ער מוז זוכן א עצה אויפצו ווייזן פאר קרח אז ער איז נישט גערעכט, און ווייל משה האט געוואוסט אז עס איז דא א צייט וואס דער אויבערשטער איז מעניש אויך אויף א ביטול מצות עשה, און דאס איז בעידן ריתחא, אזוי עס שטייט אין גמ' (מנחות דף מא ע"א) **ציצית של תכלת מה תהא עליה, וואס איז די הלכה לגבי ציצית? אמר ליה ענשיתו אעשה**, אפילו עס איז חייב, קען מען דען באקומען א עונש אויף ביטול מצות עשה? **אמר ליה בזמן דאיכא ריתחא ענשינן**, אין א צייט פון דינים טוט דער אויבערשטער מעניש זיין אויף ביטול מצות עשה, דעריבער האט משה געזאגט: בֹּקֶר, לאמיר ווארטן ביז אינדערפרי און דעמאלט איז א צייט פון ריתחא, דינים, אזוי ווי עס שטייט אין גמ' (ברכות דף ז ע"א) **בשעה שהחמה זורחת**, ווען די זון שיינט ארויף, **וכל מלכי מזרח ומערב מניחים כתריהם בראשיהם ומשתחוים לחמה**, און די פעלקער בוקן זיך צו די זון, מיד כועס הקב"ה, און עס איז עידן ריתחא, ווייל דער אויבערשטער ווערט דעמאלט אין כעס, און דאס איז א צייט פון דינים, וְיֹדַע ה' אֶת אֲשֶׁר לוֹ, און וועסט דעמאלט באקומען דיין עונש אויף ביטול מצות עשה פון ציצית, אויף א בגד שכולה תכלת, און וועסט וויסן אז איך בין גערעכט. (קובץ זכור לאברהם עטרת יהושע הגה"ק מגאלאנטא)

בֹּקֶר וְיֹדַע ה' אֶת אֲשֶׁר לוֹ (ט"ז ה') דער ענין פון ווארטן ביז אינדערפרי? דער הייליגער אפטא רב זיע"א ענטפערט אז א צדיק הדור האט א כח אויס צו וואשן א נשמה ווען עס גייט ארויף בייאנאכט, וועגן דעם האט משה געזאגט לאמיר ווארטן ביז אינדערפרי און דערווייל וועט קרח ועדתו גיין שלאפן, וועט משה רבינו אויס וואשן זייערע נשמות און אפהאלטן די מחלוקת, אבער זיי זענען נישט געגאנגען שלאפן! עכ"ד, עד"ז קען מען מחדש זיין אז רש"י ברענגט פון מדרש רבה "עַתָּה עֵת שִׁכְּרוּת הוּא לָנוּ," קען מען זאגן אז משה האט געהאפט אז זיי וועלן גיין שלאפן, און דורך דעם וועט די השפעה פון וויין אוועקגיין און וועט קענען רעדן מיט זיי, אבער זיי זענען נישט געגאנגען שלאפן און געבליבן מיט די שיכרות! (שמח זבולון תשפ"ו)

**פארוואס ביי בכור בהמה טמאה שטייט פדה תפדה?**

אַךְ פָּדֹה תִפְדֶּה אֵת בְּכוֹר הָאָדָם וְאֵת בְּכוֹר הַבְּהֵמָה הַטְּמֵאָה תִּפְדֶּה: (יח טו) פארוואס ביי בכור אדם שטייט פָּדֹה תִפְדֶּה און ביי בְּכוֹר בְּהֵמָה טְמֵאָה שטייט נאר תִּפְדֶּה? נאר מען קען דאס פארענטפערן לויט וואס עס שטייט אין די משנה (בכורות פ"א מ"ו) אויב א מענטש האט אפגעשייד א שעפס צו אויסלייזן א פטר חמור און די שעפס איז געשטארבן פאר ער האט דאס געגעבן צום כהן, דארף ער נישט ברענגען נאך א שה לפדיון פטר חמור, און די פטר חמור ווערן אויסגעלייזט, אבער ביי א בכור אדם אויב ער האט פארלוירן די חמש סלעים פאר ער האט געגעבן צום כהן, דארף ער ברענגען נאך חמש סלעים און אויב נישט איז די בכור נישט אויסגעלייזט, לפי"ז איז גוט פארוואס ביי בכור אדם דארף זיין פָּדֹה און אויב מען האט פארלוירן די געלט איז תִּפְדֶּה דארף מען ברענגען נאך געלט און אויסלייזן, אבער ביי בְּכוֹר בְּהֵמָה טְמֵאָה איז נאר תִּפְדֶּה איין מאל דארף מען אויסלייזן מיט געלט, און אויב מען האט פארלוירן די געלט איז די בכור אויסגעלייזט, דעריבער שטיט נאר תִּפְדֶּה איין מאל. (משבצי שלמה מפי השמועה)

## מדור העובדות

### *****דער מנחת חינוך איז געהאלפן געווארן ביי הרה"ק ר' מאיר מפרימישלאן זיע"א און איז געווארן נתקרב צו חסידות*****

הגאון הקדוש רבי יוסף באב"ד אב"ד טארניפול און בעל מנחת חינוך איז געבוירן געווארן כ"ד באלול תקס"א צו זיין טאטן הגאון רבי משה אב"ד פשעווארסק, ר' יוסף איז נישט געווען מקורב צו חסידות, און זיין התמדת התורה איז געווען אז ער פלעגט יעדן נאכט איינשלאפן איבער די ספרים, און נישט מצליח געווען צו זאגן ברכת "המפיל" ביי ק"ש שעל המיטה.

די ערשטע פאר יאר נאך זיין חתונה האט זיין רעבעצין געבוירן עטליכע קינדער וואס האבן נישט געלעבט, האט זיין רעבעצין געבעטן איר מאן אז ער זאל פארן קיין פרימישלאן, צום הייליגן רבי מאיר'ל, כדי צו בעטן א ברכה פאר לעבעדיגע קינדער, זייענדיג א מתנגד האט ער נישט געוואלט הערן וועגן דעם, אבער ער מסכים געווען צו שיקן א "קוויטל" דורך א שליח, און אנגעזאגט דעם שליח מיט שטרענגקייט: "בשום אופן נישט זאגן מיין נאמען אדער ווער איך בין!" ווען דער שליח איז אנגעקומען, האט רבי מאיר'ל גענומען ליינען דאס קוויטל, און זיך אנגערופן מיט גרוים התפעלות: ווער איז דער בעל הקוויטל? איך ווייס נישט ווען איך האב לעצטנס געזען אזעלכע אפגעהיטענע און ריינע אויגן, וואס האבן קיין מאל אין זייער לעבן נישט צוגעקוקט צו קיין שום זאך וואס איז טמא!"

די רעבעצין האט אבער נישט גערוהט און צום סוף האט רבי יוסף נכנע געווען און ער איז אליין געפארן קיין פרימישלאן. ווען ער איז אנגעקומען צו דעם צדיק'ס הויז און איז אריין אין חדר, נאך איידער ער האט געקענט עפענען דאס מויל, האט ער געהערט ווי רבי מאיר'ל דרייט זיך אוים צו זיין משמש, אריה, און זאגט אים מיט זיין באקאנטן ניגון: "אריה! פאר וואס זאגט ער נישט קיין ברכת המפיל? זאל ער אנהייבן צו זאגן ברכת המפיל, און ער וועט האבן לעבעדיגע קינדער!" דער מנחת חינוך איז שאקירט געווארן פון דער רוח הקודש, ער האט מקיים געווען דעם פסק און איז געהאלפן געווארן, און זיך דערנענטערט צו דרך החסידות, און געפארן צו אסאך צדיקי הדור, און אליין אויך געפירט.

ווען רבי יוסף האט שוין געדינט אלס רב אין טארניפאל, איז אנגעקומען א שליח פון רבי מאירי פרימישלאנער מיט אן בקשה: אז מארגן גייט דער הייליגער ריזינער צדיק דורכפארן שטאט טארניפאל, און ער זאל גיין מקבל פנים זיין דעם גאסט, דעם אנדערן טאג, איז אנגעקומען די מלכות'דיגע וואגן פונעם ריזינער קיין טארניפאל, כאטש דער "מנחת חינוך" פלעגט קיינמאל נישט איבעררייסן זיין לערנען אפילו פאר די וויכטיגע ענינים פון שטאט און דעם רבנות, האט ער דאס מאל, צוליב דער בקשה פון זיין רבין פון פרימישלאן, זיך צוגעאיילט זיינע שיעורים כדי ארויסצוגיין און באגריסן דעם הייליגן ריזינער.

אבער פלוצלינג האט זיך באוויזן די ראשי הקהל ביי אים אין שטוב ניט א גאר וויכטיגע ענין וואס איז געווען א מצוה פון פיקוח נפש, און ווען דער רב האט געהערט וואס דאס איז, האט ער פארשטאנען אז עס מוז ווערן יעצט ערליידיגט, און ער האט זיך אריינגעלאזט און געווארן פארנומען מיט זייער ענין, און געקלערט אז ער וועט באלד גיין צום ריזינער אים מקבל פנים זיין, אבער ווען ער איז אנגעקומען צום אכסניא פונעם ריזינער איז ער געווארן בצער ווייל דער צדיק האט שוין געהאט פארלאזט די שטאט און ווייטער געפארן אויף זיין וועג. רבי יוסף איז אהיים מיט א שווערע הארץ, פול מיט צער און עגמת נפש פארן פארפאסן די מצוה פון זיין רבין.

דעם אנדערן טאג האט דער מנחת חינוך באקומען אן אומגעראכטענע גאסט, רבי מאיר'ל אליין, האט זיך באוויזן ביים טיר פון זיין הויז! דער גאון איז געווען אינגאנצן ציטערדיג פון כבוד פאר דעם גרויסן באזוך אבער רבי מאיר'ל האט נישט פארלארן קיין צייט; און גלייך געפרעגט א שטארקע קשיא אין א רמב"ם, דער "מנחת חינוך" האט פארגעסן פון דער גאנצער וועלט און זיין מוח איז געווארן אריינגעטיפט אין דעם רמב"ם, און האט געענטפערט א תירוץ, האט רבי מאיר'ל זיך פארטיפט אין זיינע הייליגע מחשבות, און געזאגט: "יא, אפילו אין מתיבתא דרקיעא איז מען מסכים מיט דיין תירוץ, ווייל ער איז גוט; אבער מען קען נאך אלץ ענטפערן בעסער פון דעם."

דער גאון האט זיך נאך מער פארטיפט און געזאגט א צווייטן תירוץ, רבי מאיר'ל האט ווייטער איבערגעחזרט זיין שפראך, די מעשה האט זיך איבערגעחזרט זיבן מאל! זיבן מאל האט דער מנחת חינוך געענטפערט א נייעם גאונישן תירוץ, און זיבן מאל האט רבי מאיר'ל געזאגט אז אין הימל איז מען מסכים אבער עס איז דא א בעסערער תירוץ! נאכן זיבעטן תירוץ, האט רבי מאיר'ל אנגעהויבן רעדן רחמנות'דיג און געפרעגט דעם גאון: "דיין פנים ווייזט אז א גרויסע דאגה עסט דיר פון אינעוויינינג. וואס איז דער פשט פון דעם?"

האט ער געעפנט זיין הארץ מיט א צעבראכנעם שטימע און דערציילט פארן רבין ווי אזוי ער האט נעכטן פארפאסט דעם ריזינער צדיק, און ער האט אים נישט מקבל פנים געווען, ווען רבי מאיר'ל האט אויסגעהערט די סיבה אז דער רב האט זיך אפגעגעבן מיט א וויכטיגן ענין פון דעם כלל האט ער זיך אנגערופן מיט א שמייכל: "זאלסט זיך נישט זארגן און זאלסט נישט זיין געפאלן ביי דיר! 'מאיר' וועט שרייבן א בריוו צום ריזינער און ער וועט לערנען אויף דיר א זכות!

"ווען רבי מאיר'ל איז צוריק אהיים, האט ער ארויסגעשיקט א בריוו צום ריזינער וואו ער האט געשריבן קלוגע מליצה: "כאטש לויט די געזעצן פון די מלוכה, מוזן אלע וועגענער זיך אפרוקן אין א זייט ווען די קעניגלעכע קארעטע פארט דורך, אבער א וואגן וואס איז אנגעלאדענט מיט שווערע סחורה און קען זיך קוים באוועגן פון דעם גרויסן לאסט איז ער פטור פון דעם געזעץ, און די קעניגלעכע קארעטע דארף זיך רעכענען מיט איר."

האט רבי מאיר'ל אויסגעפירט: אז די התמדה פונעם טארניפאלער גאון צוזאמען מיט די שווערע לאסט פון צורכי הכלל וואס ליגן אויף זיינע פלייצעס, גיבן אים דעם דין פון יענעם שווערן לאסט-וואגן, וואס דער מלך דארף זיך רעכענען, און דעם ענטפער פונעם ריזינער האט נישט לאנג געדויערט; און האט צוריקגעשריבן מיט גרוים כבוד אז ער נעמט אן די פארענטפערונג און איז מוחל מיטן פולן הארץ, און ר' יוסף האט שוין געהאט מנוחת הנפש פון דעם, ר' יוסף האט געהאט 7 קינדער גאונים, זיין יארצייט איז כ"ד אלול תרל"ד זיע"א. (אספקליא המאירה גרליץ)

*הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן*

ספר עם הקדשת הגה"ק מגאלאנטא זצוק"ל $2500 איסור והיתר פראג תקמ"ד עם חתימת וחותמת הר' עזריאל הילדסהיימער $650 איסור והיתר פראג תקמ"ד עם חתימת ר' חיים יעקב ב"ר יהודה דוב פיינשטיין שהיה שד"ר מצפת $600 איסור והיתר פראג תקמ"ד עם חתימת ר' אברהם יצחק וויינבערגער מקליינווארדיין ובניו ותלמידו ר' צבי הירש בלום $700 ישמח משה שייך להרה"ק מטאש עם כתב ידו מעיר טאש עם אישור $10000 ספר דינים ומנהגים לביהכ"נ דחברת אחים ברעסלויא תקצ"ג לא ידוע $2000 חומש ויקרא סלאוויטא עם חתימת הרה"ק ר' חיים מקאסוב בעל תורת חיים $55000 גמ' שלמד בו הרה"ק ר' איציקל מפשעווארסק $2500 תהלים שאמר בו הרה"ק ר' שלמה מבאבוב כל חודש אלול תשנ"ח $15000 טלית קטן של הבית ישראל מגור $18000 דפו"ר קדושת לוי מהדורא תנינא תקס"ו חסר השער ו6 דפים $4500 ספר מעבר יבוק זיטאמיר $2000 רזיאל המלאך שייך להגאון ר' משה סופר אב"ד טיסע פעריד ור' שלמה הכהן שטראססער ור' משה זיכערמאן $1000 מכתב האמרי אמת מגור מבקש מש"ב לעזור לחתן אחיו ומברכו בעשירות $3500 מכתב הרה"ק ר' מנחם מנדל מפביאניץ הי"ד $1500 מכתב המנחת אלעזר עם ראשי הקהל לחתונת בתו עם ברכתו $8000, דולר שבירך האדמו"ר מטאש לחתן הבאבא סאלי $2000 מכתב ארוך שנת תש"ז מאגודת ישראל ארה"ב מבקשים עזרה מאגודת ישראל לונדון עזרה חותמים אדמו"ר מבלאזוב, ר' אלי' מאיר בלאך, ר' שמעון שוואב, אלימלך טרעס ור' הענדעלס $3800 מכתב הרה"ק ר' יחזקאל מאוסטראווצא $1800 ספר עם הגהות השפת אמת מגור עם האמרי אמת והרה"ק ר' משה בצלאל $60000 ספר שייך להתפארת עוזיאל תלמיד המגיד ממעזריטש וגם השפת אמת מגור $35000 שו"ע יו"ד ח"ב וחו"מ ח"א סלאוויטא $3000 כל אחד, ספר אמרי יהודה מהגה"ק מסעקלעהיד עם ב' חתימות מהגאון ר' יחיאל מיכל הכהן פריעד בעל תורת יפה בנו של הגאון רב נתנאל בעל פני מבין $2500 ספר מטה משה ב' חתימות מהגאון ר' יחיאל מיכל הכהן פריעד בעל תורת יפה עם הגה $2500 מכתב הגאון ר' יונתן שטייף תש"א מבקש מר' יעקב רוזנהיים להצילו $1800 ספר עם חתימת הגאון בעל חמדת שלמה והרה"ק ר' יעקב אדמו"ר מיעזוב בן הרה"ק מטשעבנאוו $3500

4403 - 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA ~ 718 - 438 - 8414 ~ 718 - 633 - 5500 Hours are 12 -7:30 Fri 11-1:00, To receive the pardes: pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday. check out our website *www.seforimworld.com.*

ברכת מזל טוב לנכדי היקר ישראל מרדכי בן בני הר' יוסף הלוי קליטניק נ"י על אירוסיו עב"ג בשעה טובה ובמזל טוב לאבי מורי הרה"ח ר' אליעזר הלוי קליטניק שליט"א